# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 202 | פרשת ויחי · תשפ"ד






איבער אלץ און אלעמען:
**פארוואס ווערט זילבער געל?**
8

פאר די ברסלב'ע שטוב:
**הפצה ביי מיר אינדערהיים**
29


## ארכיוון!

# אנטדעקט אין די טעג

## היסטארישע בריוו פון מוהרא"ש זי"ע


14




## הילולת מוהרנ"ת זי"ע

אין היכל הקודש מאנסי

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

**מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער.**


צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**





**שטעטל נייעס**
אייגנארטיגע מסיבת בן גמלא אין שטעטל
4





**אלץ און אלעמען**
פארוואס ווערט זילבער געלט?
8





**א מעשה פון א צדיק**
געטראפן די אבידה מיט ישוב הדעת
10





**פון אונזערע ארכיוון**
אנטדעקט אין די טעג היסטארישע בריוו פון מוהרא"ש זי"ע
14





**מיט א טיפערן בליק**
א רחמנות אויף די מילך
22





**ברסלב'ער שטוב**
הפצה ביי מיר אין שטוב
28


## זמנים Liberty

ויחי י"ח טבת תשפ"ד

הדלקת הנרות.......... 04:18
מוצאי שבת........... 05:49

מנחה מעריב שמות.... 05:35

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 29 | 37°/27° | | Rain/Snow Showers |
| Sat 30 | 33°/23° | | Partly Cloudy |
| Sun 31 | 36°/25° | | Partly Cloudy |
| Mon 01 | 35°/25° | | Partly Cloudy |
| Tue 02 | 35°/24° | | Partly Cloudy |
| Wed 03 | 35°/23° | | Partly Cloudy |
| Thu 04 | 33°/22° | | Partly Cloudy |
| Fri 05 | 29°/16° | | Mostly Cloudy |




## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב

**מו"ה יואל משה עזרא פליישמאן הי"ו**
**וזוגתו שרה לאה תחי'**
**צו די בר מצוה פון חיים זאנוועל נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב

**מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו**
**וזוגתו באשא הדסה תחי'**
**צו די בר מצוה פון אלעזר יודא נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## אוקריינא טראכט פון צוריק עפענען באריספיל לופטפעלד

פארגאנגענעם וואך האבן די קיעווער איינוואוינער נעבן די באריספיל לופטפעלד געזען א באואינג 777-300 פליגער זיך הייבן פונעם עירפארט, נאך גאנצע צוויי יאר וואס די לופטרוים אין אוקריינא איז גענצליך פארשלאסן צו קאמערציאלע לופט טראפיק צוליב די אנגייענדע מלחמה מיט רוסלאנד.

אויף די אנפראגע פון רעפארטער האט מר. אנדריי יערמאק דער ווארטזאגער פונעם אוקראיינישן פרעזידענט ווילאדימיר זעלענסקי געזאגט אז זיי פלאנען בקרוב צוריק צו עפענען דעם לופטפעלד, און יעצט ארבעט מען אויס די לאגיסטישע און זיכערהייט מאסנאמען דערפאר. די פרעסע אפיס פון באריספיל לופטפעלד האט געזאגט אז די ליידיגע טעסט פליגער וואס מען האט יעצט געלאזט ארויספארן ווייזט אז די מצב איז זיכער און מען קען זיך ערלויבן צו עפענען דעם עירפארט נאכאמאל.

פאר אנשי שלומינו איז דאס נאר א דערמאנונג צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף ביז יעצט אז מען האט זוכה געווען צו פארן צום רבי'ן ראש השנה, און פון יעצט ווייטער בעטן דעם אייבערשטן צו קענען פארן צום רבי'ן, און נישט קיקן אויף אלע שוועריקייטן וואס דאס קומען צום רבי'ן טראגט מיט זיך, ווען דער סמ"ך מ"ם לייגט זיך אין די לענג און אין די ברייט צו שטערן ערליכע אידן צו פאלגן דעם רבי'ן וואס האט געמאנט און געפאדערט מען זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, דורך אלע מיטלען וואס ער קען.

ער שיקט אונטער אידן מיט א מאנטל פון יראת שמים זאלן זאגן דרשות קעגן רבינ'ס ראש השנה, ער העצט אן משפחה זאלן שטערן מיט אלע מיני גוטע תירוצים, און בפרט אין די לעצטע צוויי יאר האט ער טרומפיאירט מיטן "מצב מלחמה" סלאגאן, און געשיקט שליחים פון אלע זייט וואס האבן פארגעהאלטן "אומאן איז נישט ביהרג ואל יעבור", און "מען דארף זיין משוגע צו פארן צו א מלחמה זאנע", מיט דעם אלעם האבן מיר זוכה געווען דאס און נאך אסאך איבער צו קומען נאך אסאך תפילה און סייעתא דשמיא.

פאר דעם אליינס דארפן מיר דאנקען און לויבן יעדן איינציגן טאג, און ארויסגיין אין א טענצל "שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה".

דערנאך דארף מען מתפלל זיין אויף ווייטער אז מען זאל קענען זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף קומענדיגן ראש השנה. מען דארף בעטן אז די נארישע זינלאזע מלחמה זאל זיך שוין ענדיגן און מען זאל קענען גרינגער שנעלער און ביליגער פארן קיין אומאן, און אז דעם רבינ'ס עצות זאל זיך פארשפרייטן אויף די גאנצע וועלט, און מיט דעם מקרב זיין די גאולה שלימה בב"א!

# שטעטל נייעס

## מעגא פעקעדזש פון קרן הדפסה אויפגענומען מיט גרויס עקסטאז




נאך א שטארקע נאכפראגע ביי אנשי שלומינו צו האבן אן עפארדעבל פעקעדזש פון די גליונות פון היכל הקודש, מיט א פארלעסליכע דעליווערי, האט קרן הדפסה נארוואס געמאלדן א נייע "שבת גליונות מעגא פעקעדזש" צו אדרעסירן אט דעם פארלאנג.

ביז יעצט פלעגט עס ווערן געשיקט דורך די פאסט סערוויס וואס כאטש מען האט שטארק פרובירט עס זאל אנקומען אויף שבת, איז עס נישט געווען גענוג גוט, צוליב וואס די פאסט סערוויס האט געהאלטן אין איין ווערן פארשלעפט.

דערפאר האבן אנשי שלומינו אויפגענומען זייער פרייליך די נייע פלאן וואס הייסט "מעגא פעקעדזש" וואס וועט אנהאלטן אלע גליונות אויף שבת אריינגערעכנט: עצתו אמונה, קרית ברסלב בלעטל, גליון היכל הקודש און דער גליון שיעורי חינוך, דאס וועט ארויסגעשיקט ווערן בעז"ה מיט די מער פארלעסליכע UPS דעליווערי פירמע, וואס איז גאראנטירט בעז"ה אנצוקומען אין צייט אויף שבת קודש.

די וואס עס איז זיי נישט אזוי וויכטיג עס זאל אנקומען בעפאר שבת וועלן זיך קענען איינצושרייבן צו באקומען די בית נצחי אדער די עצתו אמונה, דורך די ביליגערע פאסט סערוויס, און וועט האפענטליך אבער נישט זיכער אנקומען בעפאר שבת. רופט שוין אריין צום אפיס פון קרן הדפסה אויף 718-387-2691 עקסטענשן 3 זיך איינצושרייבן פארן מעגא פעקעדזש, פון וואס איר וועט זיכער הנאה האבן.

אויך די וואס באקומען שוין ביז יעצט די גליונות און ווילן ווייטער באקומען דארפן אריינרופן און זיך פריש איינשרייבן צו איינע פון די אפציעס. ביטע רופט וואס פריער ווייל די נייע סיסטעם גייט שוין אריין אין קראפט קומענדיגן פרשת שמות הבעל"ט. ווארט נישט אויף שפעטער.

רופט שוין 718-387-2691 עקסטענשן 3..

## אייגנארטיגע מסיבת בן גמלא אין שטעטל



גאר א שיינע מסיבת בן גמלא איז פארגעקומען פארגאנגענעם דינסטאג נאכט אין שטעטל ביים שטוב פון מו"ה יואל מענדלאוויטש הי"ו.

ר' יואל האט אהערגעשטעלט גאר א שיינע מסיבה און אלע וואס זענען געקומען זענען געווארן זייער אנגעווארעמט צו העלפן די מוסדות וואס העלפט אונז א גאנץ יאר, מיטן מחנך זיין אונזערע דורות אויף דעם שיינעם וועג פונעם רבי'ן פון אויסלערנען די קינדער אז וואס מען דארף איז דא איין אדרעס וואו מען דארף גיין וואס דאס איז צום אייבערשטן.

מען האט געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה איז געקומען ספעציעל צו פארן מיטצוהאלטן אזא מעמד וואס איגעלייט קומען זיך צאם מיט איין מטרה צו העלפן די מוסדות.

אלע זענען ארויס זייער ווארעם צו העלפן דעם מוסדות יעדער איינער אויף זיין וועג מיט וואס ער קען העלפן, און מיט דעם טוט מען אויך פראקלאמירן און בעטן אלע אנשי שלומינו מען זאל ארויסקומען און העלפן די מוסדות זאלן קענען ווייטער אנגיין, יעדער איינער מיט וועלכע ער שפירט אז ער קען זיין בייהילפיג.

# COVERAGE FOR ALL YOUR NEEDS.

## Protecting your family and your property is our top priority.

We are proud to offer diverse and affordable products to help you better protect your family and your property. Let us help you today!









## Protection that matters

- Travel Insurance
- Bop Programs
- Casualty
- Commercial Auto Liability & Garage
- Commercial
- Environmental Liability
- Excess/ Umbrella
- Marine & Inland Marine
- Personal Lines
- Professional Liability
- Property
- Workers' Compensation

Salz & Associates LLC

212-725-9467
212-SALZ INS
esalz@salzandassociates.com
salzandassociates.com

# מעשיות פון תפילה



## יואליש קרויס - ביתר עלית:

איך האב אנגעהויבן מיט די פראצעדור פון ארויסנעמען א מארגעדזש, ווען עס איז געקומען אויף למעשה צו אריבערפירן די געלט, האט די באנק געזאגט אז זיי גייען נישט אריבערפירן דאס געלט ביז ווילאנג מען פירט נישט אריבער די נאמען.

דער פראבלעם איז געווען אז עס קען נעמען אפאר חדשים צו איבערשרייבן די נאמען. איך האב זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן מסכים זיין צו אריבערפירן די געלט ווי שנעלער.

דער מארגעדזש בראקער האט מיר געזאגט אז אין די פופצן יאר וואס ער ארבעט מיט בענק איז נאכנישט געווען אזא זאך אז זיי זאלן געבן די געלט פאר מען פירט אריבער די נאמען. דאס האט מיר נאר געמאכט נאך מער בעטן דעם אייבערשטן, ווייל איך האב געוואוסט אז צום סוף וועל איך עס פועלן מיט תפלה.

ברוך השם אז נאך אסאך תפילות האבן זיי מסכים געווען צו געבן די געלט פאר די נאמען ווערט אריבערגעפירט. תפילה קען אפילו טוישן אלטע ביראקראטישע מנהגים פון א באנק וואס קיינער קען נישט בייקומען.

## שמעון גאלדבערגער - בני ברק:

איך האב געדארפט פארן מיט די באן צו א צווייטע שטאט צוליב א געוויסע מיטינג וואס איז באשטעלט געווארן פאר זיבן אזייגער, אנגעקומענדיג אהין האב איך געזען אז איך האב פארפאסט דעם באן.

איך האב זייער נישט געוואלט פארפאסן דעם וויכטיגן מיטינג, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נאך קענען אנקומען אין צייט, שכח אייבערשטער אז נישט לאנג נאכדעם איז אנגעקומען נאך א באן וואס פארט אהין, און איך בין ברוך השם אנגעקומען גענוג פרי נאך פארן מיטינג.

## רפאל יעקב גוטמאן - בראכפעלד:

1) מיר זענען ארויס פון שפיטאל אין בני ברק - נאכן האבן א קינד - פרייטאג מיטאג איינס אזייגער, ווער ס'קען זיך אויס דא אין בני ברק איז פרייטאג מיטאג א גרויסע טרעפיק, און ביי די ווינטער וואכן איז דאך שוין שבת קודש אביסל נאך פיר און איך טרעף מיר איינס אזייגער ארויס גיין פון שפיטאל, די וועג פון בני ברק קיין בראכפעלד נעמט פערציג מינוט און מיט טרעפיק קען די וועג זיין א שעה א האלב.

איך און מיין ווייב האבן געבעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן אנקומען אין צייט און זיך קענען גרייטן צום שבת ווי עס דארף צו זיין און שכח אייבערשטער די וועג איז געפארן, אלעס איז געווען אפן, דער דרייווער האט מיר געזאגט אז ער האט שוין יארן נישט געזעהן אזא ליידיגע ראוד פרייטאג נאכמיטאג דאס איז נאר פון כח התפילה און בעטן דעם אייבערשטן.

2) מיין זון איז געווען געל פאר די ברית, האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן "העלף מיר טאטע איך זאל קענען אריין נעמען מיין קינד בבריתו של אברהם אבינו אין צייט" א טאג פארן ברית האב איך אים גענומען בודק זיין און שכח אייבערשטער אז די מוהל האט געזאגט אז די געלקייט איז אראפ אזוי אז מ'האט געקענט מאכן די ברית אין צייט.

## אלחנן זויבערמאן - צפת:

איך האב געוואלט גיין הפצה, אבער האב די קאר האט נישט געהאט גענוג געז צו קענען פארן ביז אהין, און מיין געלט האב איך איבערגעלאזט אינדערהיים...

ווי אויך מיט מיין אלטע קאר קען איך נישט פארן צו ווייט נאר אין די געגנט פון צפת, און איך האב יא געוואלט פארן צו א ווייטערע געגנט וואו ס'איז דא א גרעסערע עולם וואס מ'קען זיי מפיץ זיין.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז כ'זאל קענען אהין פארן. ממש ביים לעצטן גאס פון צפת פארן ארויפארן אויפן הייוועי, האט מיר אריינגערופן מו"ה אהרן גוטמאן הי"ו אויב איך וויל גיין מיט אים הפצה...

שכח אייבערשטער.

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

וואו הַאלְסְטוּ אִין חוּמָשׁ? הָאסְט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם? הָאסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען פָארִיגֶע וָואךְ? צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק? דוּ וֵוייסְט אַז מֶען גֵייט דִי וָואךְ אוֹיסְשְׁרֵייעֶן: **'חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק'?** דוּ וֵוייסְט וואוּ מֶען הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט? מִיר הָאבְּן קוֹים אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי יָאר, הָאסְט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען טוֹיזְנְט קַבָּלוֹת, אַז דִי יָאר גֵייסְטוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט אַלֶע מְפָרְשִׁים אוּן יֶעצְט הַאלְט מֶען שׁוֹין סוֹף סֵדֶר בְּרֵאשִׁית...!

אֶפְשָׁר אִיז צַייט אַוֶועק צוּ לֵייגְן אַלֶע חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת אוּן אָנְהֵייבְּן פָאלְגְן צַדִּיקִים? אֶפְשָׁר אִיז צַייט אַיינְצוּבֵּייגְן דֶעם קָאפּ אוּן טוּן וָואס דִי הֲלָכָה זָאגְט? אֶפְשָׁר הֵייבְּסְטוּ אָן אָנְהֵייבּ וָואךְ אַזוֹי וִוי אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): **"מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר"**, פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם ווִילְנֶער גָאוֹן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי אַז בִּיז סוֹף וָואךְ עֶנְדִיגְט מֶען דִי פַּרְשָׁה.

**דוּ וֶועסְט פַּארְדִינֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י**; אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע וָואךְ אוּן אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט מֶען הָאבְּן אַ הֶפְסֵד מִיט גֶעלְט אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶערְס חַס וְשָׁלוֹם. אוֹיבּ מֶען שְׁטוּפְּט עֶס אָפּ בִּיז פְרַייטָאג קֶען אַרִיבֶּער גֵיין דִי וָואךְ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שְׁמִירָה, דֶערִיבֶּער אִיז גוּט מֶען זָאל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ; יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, תַּרְגּוּם אוּן רַשִׁ"י אוּן דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ.

טְרַאכְט אַרַיין, דִי טֶעג פְלִיעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹי וִוי אַ שָׁאטְן, **"כַּצֵּל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה"** (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א כט, טו)", זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב): **"הַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל, אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן, אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף"**, הַלְוַאי זָאלְן אוּנְזֶערֶע טֶעג זַיין אַזוֹי וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט וָואס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט ווִילַאנְג עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, אָדֶער וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ בּוֹים, אָבֶער אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז דָאס לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נִיטְאַמָאל וִוי אַזַא שָׁאטְן נָאר פְלִיט דוּרְךְ וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגֶל וָואס פְלִיט, וָואס וֶועט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן פוּן אוּנְז? וָואס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען? נָאר דִי פְּסוּקִים חוּמָשׁ רַשִׁ"י אוּן דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וָואס מִיר לֶערְנֶען.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

פון דער

ראש ישיבה שליט"א



## וְויאַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען יִרְאַת שָׁמַיִם?

**בַּיים רֶעדְן פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם, דָאס אִיז רֵיין יִרְאַת שָׁמַיִם; אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוִויסְט דֶעם סִיפּוּר, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מְנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט חוּסְט וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם אִיז גֶעוֶוען רָב, דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ יְשִׁיבָה פוּן עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט בָּחוּרִים אוּן דֶער צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע אִיז גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם, דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל בַּאזוּכְן זַיין יְשִׁיבָה, עֶר זָאל זֶען וִוי פְלַייסִיג זֵיי לֶערְנֶען אוּן וִוי עֶרְלִיךְ זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף.

רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי יְשִׁיבָה זֶען דִי בָּחוּרִים, וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם גֶעפְרֶעגְט: **"נוּ, וָואס זָאגְט אִיר אוֹיף מַיינֶע בָּחוּרִים?"** הָאט אִים רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם!"**

הֶערְנְדִיג דָאס אִיז דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְוואוּנְדֶערְט, וִוי אַזוֹי קֶען זֵיי אַזַא זַאךְ? אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע: "רֶבִּי, פַארְוָואס זָאגְט אִיר אַזוֹי?!" הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"וַוייל זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י!"** דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, הָאט עֶר נָאכְגֶעפָארְשְׁט בַּיי זַיינֶע תַּלְמִידִים אוֹיבּ זֵיי עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ רַשִׁ"י אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז נִישְׁט, וַוייל דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע פַארְהֶער פְלֶעגְט פָארְקוּמֶען פְרַייטָאג צוּפְרִי אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען קַיין צַייט וֶוען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין.

הָאט שׁוֹין דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם פַארְשְׁטַאנֶען אַז רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע וֵוייסְט וָואס עֶר רֶעדְט אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעפִירְט אִין זַיין יְשִׁיבָה אַז מֶען זָאל פַארְהֶערְן זוּנְטָאג אוּן מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י.

(מכתב יום ב' פרשת ויחי, י"ג טבת, שנת תשפ"א)



## פארוואס ווערט זילבער געל?

ערב שבת קודש אינדערפרי, זאת חנוכה, ר' יעקב קוקט אויף זיין זילבערנעם מנורה אין וואס ער האט געצינדן די לעצטע אכט טעג, פארברענגט מיט זיין משפחה, געזונגען אינאיינעם, גערעדט צום אייבערשטן פארענט פון די הייליגע ליכט, ער כאפט אן די מנורה מיט ליבשאפט, און לייגט עס פארזיכטיג אוועק אויף א וועג עס זאל נישט אזוי שנעל ווערן געל, וויסענדיג אז זילבער וואס איז אויסגעשטעלט צו די לופט ווערט גאנץ שנעל געל, און ווי אויך געדענקט ער ווי געל זיין מנורה איז געווען בשעת ער האט דאס ארויסגענומען פונעם טשיינע קלאזעט הארט פארן דארפן צינדן דעם ערשטן ליכטל, נישט כאפענדיג אז מען דארף גענוג צייטליך אנגרייטן די מנורה צוליב דעם וואס עס קען זיין אז מען דארף נאך האבן צייט דאס צו פיצן פון ליגן אזוי' א גאנץ יאר.

שטעלט זיך אבער די קשיא, וואס מאכט טאקע אז זילבער זאל געל ווערן (טארניש)? די געלקייט וואס מען זעט אויף די זילבער איז א רעאקציע פון זילבער וואס רירט אן שוועבל (סולפור), דאס איז איינע פון די מאטריאלן וואס שוועבן ארום אין לופט איבעראל אין די וועלט, און ווען דער סארט שוועבל קומט זיך צאם מיט זילבער האט דער אייבערשטער אזוי' געמאכט אז עס באקומט דער קאליר וואס מיר זענען געוואוינט צו זען.

כדי די זילבער זאל נישט אזוי שנעל געל ווערן איז ראטזאם דאס נישט צו האלטן אין נאסע (יומיד) פלעצער, אדער פלעצער מיט אומריינע לופט (פאלושן), ווייל דעמאלט איז דאס שנעלער אויסגעשטעלט צו געל ווערן.

מענטשן - אזוי ווי זילבער - ווערן אויך געל אויב מען איז אויסגעשטעלט צו די וועלט צופיל, חז"ל זאגן (ברכות ו ע"ב) "ר' יוחנן ור' אלעזר דאמרי תרוייהו כיון שנצטרך אדם לבריות פניו משתנות ככרום", ווען א מענטש דארף צוקומען צו מענטשן, ער מוז געפעלן פאר יעדעם, ווערט ער נעבעך פארשווארצט.

מען זעט מענטשן מאכן שמחות, וואס באמת איז דאס די שענסטע צייט אין לעבן, וואס קען זיין שענער ווי מען האט געבוירן א אינגל אדער א מיידל, מען מאכט פיאות פאר א קינד, מען מאכט בר מצוה, מען טוט א שידוך, מען מאכט חתונה און אזוי ווייטער, דער מענטש דארף יעצט שיינען און גלאנצן ווי זילבער צווישן זיך און דער אויבערשטער, ער קען זאגן שירה צום אויבערשטן, דאנקען און בעטן אויף ווייטער, ער קען זאגן גאנץ נשמת "עד הנה עזרוני רחמיך... ואל תטשנו ד' אלוקינו לנצח". דאס איז אבער נאר ווען ער ווערט נישט צו שטארק עקספאזט צו די פארפעסטעטע שוועבל לופט פון די גאס, ער זיצט ביי זיך אינדערהיים און איז נהנה מזיו השכינה, און דאנקט און לויבט דעם אויבערשטן פאר זיינע אלע חסדים. ווער איז נאך אזא גליקליכע מענטש ווי אים?

ווען מען רירט אבער צו די גפרית ומלח שריפה כל ארצה, מען קוקט אויף רעכט און לינקס, "וואס טוט דער שכן?", "איז עס 'נארמאל'?", מען "מוז" מאכן א שיינע שמחה, יעדער זאל זען, יעדער זאל רעדן, יעדער זאל קומען, מען דארף פרעגן יעדעמ'ס דעות, און מען הערט פון די אזוי' גערופענע "חברים", "דו מוזט זיך אהערשטעלן באלעבאטיש", "קענסט נישט זיין קיין שנארער", ווערט נעבעך די פנים שווארץ, געל, און גרין. מען מוז בארגן פון די גאנצע שטאט, און מען קען נישט קומען דאווענען אין קיין אין שול, ווייל מען קען נישט קוקן די בעלי חובות אין פנים.

'טייערע אידן אין אמעריקע', לאמיר אנהייבן לעבן פאר זיך, און טון וואס איז גוט אין די אויגן פון אויבערשטן, וועלן מיר לעבן א גליקליך לעבן אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט.

# Precision in *Pennies*

*Now providing personal tax filing services*



We're excited to announce our new service, dedicated to making your tax season stress-free. Trust our experts for precision and maximum returns. Contact us now for financial peace of mind!

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES

Ephraim Feldman
1-845-293-7667
kbbsbookkeeping@gmail.com

ZEBRA



# א מעשה
## פון א צדיק

### גֶעטְרָאפְן דִי אֲבֵידָה מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת

דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער ז"ל הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט פַאךְן עָמוּד אִיז גֶעוֶוען אֵין לְשַׁעַר, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶס דַאוֶוענְט אַ נְשָׁמָה אָן אַ גוּף אוּן בֶּעט זִיךְ אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער גְבִיר ר' אַבָּא פוּן טְשֶׁעהִין מוּסָר גֶעזָאגְט פַאר זַיין אֵיידֶעם אַבְרָהָם יֵיבִין פַארְוָואס עֶר פָארְט נִישְׁט קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז נָאר צוּ הֶערְן דִי מוּסָף רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן רֶבִּי נַחְמָן לוֹינְט זִיךְ שׁוֹין צוּ פָארְן. אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער פוּן אוּמַאן אֲפִילוּ מִתְנַגְדִים, זֶענֶען פַארְוואוּנְדֶערְט גֶעוָוארְן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט זַיין דַאוֶוענֶען אוּן זִינְגֶען.

זַיין זוּן ר' אַבְרָהָם הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: מַיין טַאטֶע הָאט גֶעקֶענְט זֵייעֶר שֵׁיין זִינְגֶען, עֶר הָאט זֵייעֶר גוּט גֶעקֶענְט צוּפַּאסְן וֶוערְטֶער צוּם נִיגוּן

אִין אָנְפַאנְג הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מוֹרָא גֶעהַאט אִים צוּ צוּשִׁיקְן צוּם עָמוּד וַוייל עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט פַאר דֶעם גֶעדַאוֶוענְט פַארְן עָמוּד, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען קַיין בְּרֶסְלֶב אִין יָאר תר"ח הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַסְכִּים גֶעוֶוען אִים צוּ צוּשִׁיקְן צוּם עָמוּד פַאר יוֹם כִּיפּוּר, אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן אִים גֶעהֶערְט דַאוֶוענֶען מִיט אַזַא הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ אוּן מִיט אַזַא זִיסְקֵייט, הָאבְּן זֵיי מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז קוּמֶענְדִיגֶע יָאר זָאל עֶר אוֹיךְ דַאוֶוענֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַארְן עָמוּד, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער בַּעַל יִשּׁוּב הַדַעַת, עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם דוּרְךְ אַ בְּרָכָה פוּן רֶבִּי נָתָן! אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעפָארְן מִיט רֶבִּי נָתָן צוּ אַ גֶעוִויסֶע שְׁטָאט, אוֹיפְן וֶועג אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שְׁנֵיי אוּן אַ שְׁטַארְקֶע פְרֶעסְט, פְּלוּצְלִינְג אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע וִוינְט אוּן עֶס הָאט אַוֶועקְגֶעבְּלָאזְן דִי הוּט פוּן רֶבִּי נָתָן, אִיז רֶבִּי נַחְמָן עֶס נָאכְגֶעלָאפְן בִּיז עֶר הָאט דָאס גֶעכַאפְּט אוּן צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, רֶבִּי נָתָן הָאט זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט דֶערְפוּן, וַוייל אַרַיינְקוּמֶען אִין שְׁטָאט אָן אַ הוּט אִיז אַ גְרוֹיסֶער בִּזָיוֹן, בִּפְרַט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען דַאן אִין דִי צַייט פוּן דִי מַחֲלֹקֶת, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעבֶּענְטְשְׁט "דַיין קָאפּ זָאל רוּעֶן אוֹיפְן אָרְט".




אֵיינְמָאל אִיז ר' יִצְחָק דִי זוּן פוּן רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען בַּיי זַיין טַאטְן אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר הָאט דָארְט פַארְלוֹירְן גֶעלְט פוּן דִי פָּאסְט (עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט בַּיי דִי פָּאסְט אָפִיס), עֶר אִיז גֶעוָוארְן פוּן דֶעם זֵייעֶר בְּצַעַר, עֶר הָאט דָאס פְּרוּבִּירְט צוּ זוּכְן אָבֶער עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעטְרָאפְן, אִיז עֶר גֶעוָוארְן נָאכְמֶער בְּצַעַר וַוייל דָאס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער שָׁאדְן. הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט זָארְג נִישְׁט, רֶבִּי נַחְמָן וֶועט דָאס זוּכְן אוּן עֶר וֶועט דָאס טְרֶעפְן, אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, רֶבִּי נַחְמָן אִיז אַרוֹיס דָאס זוּכְן אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעטְרָאפְן לִיגְן אִין דִי מִיסְט, אוּן אַלֶע הָאבְּן אוֹיפְגֶעלֶעבְּט.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז בֶּאֱמֶת אִיז עֶס גֶעוֶוען אַ בְּרָכָה פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען וֶועט דָאס טְרֶעפְן, נָאר דִי רִיכְטִיגֶע שְׁלִיחַ אִיז גֶעוֶוען רֶבִּי נַחְמָן, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע יִשּׁוּב הַדַעַת, אוּן אַז מֶען הָאט יִשּׁוּב הַדַעַת אִיז מֶען מַצְלִיחַ מִיט אַלֶעם, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּצַעַר אוּן עֶר הָאט עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיז עֶר גָאר שְׁטַארְק צֶעמִישְׁט אוּן מְבוּלְבָּל, אָבֶער וֶוען מֶען אִיז רוּאִיג מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת גֵייט אַלֶעס גָאר אַנְדֶערְשׁ.

(ספר אילן החיים סימן קמד -קמט



# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פארזעצונג |

- נ"ט -

**פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** : דֶער רֶבִּי צִיעֶט זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע וואו מְ'נֶעמְט אִים אוֹיף זֵייעֶר שֵׁיין. יוֹם כִּיפּוּר דַאוֶוענְט עֶר אִין דִי גְרוֹיסֶע שוּל.

* * *

מוֹצָאֵי יוֹם כִּיפּוּר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ שֵׁיין וֶוערְטְל אוֹיף זַיין שְׁטֵייגֶער אִיבֶּער דִי בַּעֲלֵי תְּפִלּוֹת פוּן יוֹם כִּיפּוּר. עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (בָּבָא קַמָּא צ"ז:) אַז דִי מַטְבֵּעַ פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט אַן אַלְטֶער מַאן מִיט אַן אַלְטֶע פְרוֹי פוּן אֵיין זַייט און אַ בָּחוּר מִיט אַ מֵיידְל פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, און יֶעצְט הָאט דָאךְ דֶער שְׁוֶוער גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה און דֶערְנָאךְ הָאט דֶער אֵיידֶעם גֶעדַאוֶוענְט נְעִילָה, און בֵּיידֶע פוּן זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעדַאוֶוענְט פַאר זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער וָואס הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט פוּן וַוייבֶּער שוּל, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט גֶעפֶעלְן פַאר זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער אַז זֵיי קֶענֶען שֵׁיין דַאוֶוענֶען. און דִי בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעוֶוען חֲסִידִים פוּן שְׁפָּאלֶע.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט בַּיים דַאוֶוענֶען טוּן אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן דִי פְּרִיפְרִינַאצְיֶע, דָאס מֵיינְט דָאס וָואס דִי פָּרִיצִים הָאבְּן אַוֶועקְגֶענוּמֶען דִי בְּרוֹינְפְּן בְּרֶעוֶנֶערֵיי פוּן אִידְן. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אוֹיבּ וֵוייסְט אִיר, שְׁטֶעלְט זִיךְ דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם קֶעגְן יֶעדֶע דָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ שְׁטֶערְן און מְבַלְבֵּל זַיין, און יֶעצְט אִיז יֶענֶער גֶעקוּמֶען דַאוֶוענֶען פַארְ'ן עָמוּד, הָאבּ אִיךְ אִים אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט".

אַזוֹי וִוי דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, דֶער אֵיידֶעם מִיטְ'ן שְׁוֶוער, הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעפָאלְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן צוּ מַאכְן דָא עֶפֶּעס אַ מַחְלוֹקֶת.

זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין שְׁפָּאלֶע און הָאבְּן אָנְגֶערֶעדְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אַסַאךְ פַאלְשֶׁע מַעֲשִׂיּוֹת, זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעטְרַאכְט זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעשְׁטוּיגְן און גֶעפְלוֹיגְן, און דָאס אַלֶעס הָאבְּן זֵיי דָארְטְן דֶערְצֵיילְט, בִּיז מְ'הָאט זֵיי גֶעגְלוֹיבְּט און אָנְגֶענוּמֶען דִי לָשׁוֹן הָרַע און שְׁקָרִים, און דַאן הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן.

פוּן דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ פֵייעֶרְדִיגֶע מַחְלוֹקֶת קֶעגְן רֶבִּי'ן, בִּיז מַמָּשׁ דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן. אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען קוֹדֶם אַ שַׁמָּשׁ אִין זְלַאטִיפָּאלֶע, און יֶעצְט הָאט עֶר אָנְגֶענוּמֶען דִי לָשׁוֹן הָרַע און גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, דֶערִיבֶּער זֶענֶען נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט גֶעוָוארְן נָאךְ אִים דִי מֶענְטְשְׁן פוּן זַיין שְׁטָאט און אוֹיךְ דִי מֶענְטְשְׁן פוּן זְלַאטִיפָּאלֶע.

דִי גֶעפֶערְלִיכֶע מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, און דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסּוּרִים וָואס עֶר הָאט דָארְט גֶעלִיטְן, קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן און בַּאגְרֵייפְן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן אִין זְלַאטִיפָּאלֶע מַמָּשׁ וִוי אוֹיף דֶערְנֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז פוּן הִימְל אַז עֶר מוּז דָארְט זִיצְן, וַוייל עֶר פַארְרֶעכְט דָארְט דִי עֲבֵירָה פוּן יָרָבְעָם בֶּן נְבָט.



נָאךְ סוּכּוֹת אִיז עֶר גֶעפָארְן קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע, און דָארְט הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט אַ גְרוֹיס מוֹיל קֶעגְן רֶבִּי'ן, און גֶעמַאכְט גָאר אַסַאךְ מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, בִּיז דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעקְרִיגְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, און מְ'הָאט גֶערֶעדְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן דִי לָשׁוֹן הָרַע וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען, און פוּן דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט דִי מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין קֶעגְן מִיר, אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אָבֶּער אוֹיף דֶעם וָואס מְ'הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר אִים".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַ וֶוערְטְל, "חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ אַז מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרַיינְוַוארְפְן אִין לֵייבְן גְרוּבּ וִוי אֵיידֶער צוּ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִין דִי הַיינְט פוּן זַיין פַיינְט, וָואס טוּט מֶען אָבֶּער וָואס דֶער שׂוֹנֵא אַלֵיין אִיז דֶער לֵייבּ?"

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט זַיין אַ שֵׁיין שְׁפִּילֶעכְל מִיט אִים".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִּיק"**

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס




א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגע־נט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

## Catskill Professional Plaza

געשמאקע שיינע הערליכע ליכטיגע באקוועמע אפיסעס אוועילעבל.

רופט היינט.
646-938-2503
39oldmonticello@gmail.com




## אפיסעס צו פארדינגען

הערליכע שיינע אפיסעס, גרויסע און קליינע, צו פארדינגען אויף מעין סטריט אין ליבערטי.

פאראינטערסירטע רופט אדער טעקסט
646-462-8189

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## השבת אבידה שטיבל

קרית ברסלב ליבערטי

121 Twin Bridge Liberty NY 12754

**קומט אויפפיקן אייער פארלוירענע חפץ ווי אמשנעלסטן**

ווײנבערגער טיש בעקיטשע 845-499-8450

וויינבערג רעגן קאוט 845-213-9723

STERN רעגן קאוט 718-596-4009

וועבערמאן סוועטער 718-230-0623

וועבערמאן סוועטער 347-574-7723

שניטצלער סוועטער 923-287-2934

GUTTMAN האנטוך 845-826-4066

בירנבוים שווים הויז 845-720-2895

סטרולאוויטש שווים העמד / הויזן -845-782 1708

קליין העמד 845-774-1046

רייך 4 העמדער 718-853-5175

לעסער קינדער העמד 347-876-4821

בריסק הויזן 845-774-8524

וואלנער קינדער סוועטער 845-783-1901

צאלער מעיל

ראבינאוויטש שווים העמד און הויזן -732-363 8623

מיטעלמאן קינדער סוועטער 845-426-2339

לויפער רושוואלקע און וואלענע שאל

Y. KALISH מעיל 718-387-9633

חיים פריעדמאן מעיל 718-972-4112

פריעדמאן קאוט 845-783-8700

אשר רייך האנטוך 718-853-5175

JACABOVITCH רעגן קאוט 347-768-412

ניימאן רעגן קאוט 845-781-4370

פארקאש מעיל 845-783-8345

פליישמאן אויערן שיצער 845-782-2176

FOLLMAN שאאל 347-266-7324

הארוויץ הויזן 718-431-0961

שניטצלער שאאל 845-774-7814

הערצאג תהילים 718-344-8504

צבי בוים סידור עת רצון

בערגער קאוט 718-855-6529

פעלבערבוים רעגן קאוט 450-434-9062

**מען קען רופן השבת אבידה שטיבל אויף**

**845-243-0604**



פון טונקעלע
ארכיוון
בריונ
פון מוהר
אנטדעק



אן די יעצטיגע טעג איז אנטדעקט געווארן א בריוו פון מוהרא"ש זי"ע ווי ער שרייבט ארויס קלאר זיין שטעלונג קעגן די ציונים און די צה"ל וועלכע ער רופט אן "ערב רב", אזוי אויך שרייבט מוהרא"ש זי"ע זיין קלארע מיינונג איבער דעם צו מען זאל זיך באטייליגן אין די בחירות, און דערנאך שרייבט מוהרא"ש זי"ע איבער גיין צו הפגנות קעגן די מדינה.

מיר וועלן דא ברענגען איבערגעטייטשע אויסצוגן און מאכן א שטיקל סך הכל פונעם בריוו, עס איז ראטזאם אז דער וואס קען לשון הקודש זאל ליינען מוהרא"ש'ס הייליגע לשון אליינס.

מוהרא"ש שרייבט דעם בריוו צו א איד וואס איז פארכאפט געווארן אין די צה"ל, און מוהרא"ש וויינט מיט מיט אים ווי ער דארף זיין אויף די פראנט ליניעס ווי ער מוז רחמנא ליצלן מחלל זיין שבת.

מוהרא"ש גייט אריין אין זאגן אז איידער משיח וועט קומען וועט ארץ ישראל זיין אין די הענט פון די עירוב רב, וואס כאטש איבערפלעכליך זעט עס אויס ווי זיי בויען אויף ארץ ישראל, אבער אידן וועלן זיין אין א גלות שווערער פון אלע פריערדיגע גלות'ער, ווייל זיי רייסן אויס די גאנצע תורה רח"ל, "וואויל איז דער וואס האלט זיך ביי די אמונה" שרייבט מוהרא"ש.

אפילו די תנאים און אמוראים האבן שוין געשריבן אויף דעם דור "ייתי ולא אחמיניה", - "משיח זאל שוין קומען, אבער מיר ווילן נישט זיין אין יענע צייטן", און די גמרא - שרייבט מוהרא"ש - איז נתקיים געווארן היינט ווען די זינדיגע ציונים זענען ארויס אין א קאמף מיט כביכול, און האבן געהאט א חלק אינעם חורבן אייראפע כידוע ווי זיי האבן נישט געלאזט ראטעווען, און יעצט טוען זיי אלעס מיטן ציל צו געוועלטיגן אויף אידישע קינדער, און מעשי שטן הצליח, זיי האבן מעביר געווען על הדת הונדערטע טויזנטער ספרדישע אידן, וואס האבן זיך געהאלטן פעסט הונדערטער יארן אין גלות, און יעצט אין ארץ ישראל גייט אויף זיי אריבער א רוחניות'דיגע וועלט מלחמה, אזוי אויך בגשמיות פילט מען אן די טורמעס פון זיי, און מען שיקט זיי אויף די פראנט ליניעס אויף סכנת נפשות גע'הרג'עט צו ווערן רח"ל. מוהרא"ש שרייבט איך וואלט געוואלט שרייבן אסאך מער, אבער מיין הארץ טוט מיר וויי, און איך הייב אן וויינען ווען איך זע וואס מיינע ברודער מאכן נעבעך מיט.

מוהרא"ש שרייבט ווייטער: ווער עס קוקט אן די זאך אביעקטיוו, ער שליסט זיך נישט אן צו קיין שום פארטיי, ער איז נאר צוגעקלעבט צום אויבערשטן, זעט ער ווי אלעס איז איין שטיק בלאף, עס קומען די רשעים און זענען מטמא ארץ ישראל - "וויאזוי קען מען זיצן מיט זיי צוזאמען?" פרעגט מוהרא"ש. "וואויל איז דער וואס אנטלויפט און דרייט זיך ארויס פון זייער מיליטער, וואו דארט איז מען מתיר עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכת דמים בפרהסיא. דערפאר וואס האט אן ערליכע איד צו זיין פארמישט מיט זיי? און כל שכן גיין אנטייל נעמען אין די בחירות; וואס האבן מיר מיט זיי?".

מוהרא"ש שרייבט ווייטער: מיר געפונען זיך צווישן זיי אין א ביטערע גלות, אזא גלות וואס כלל ישראל האט נאך נישט געהאט זייט זי איז געווארן א פאלק, אז מ'זאל אויסרייסן דעם אויבערשטן נאמען אפענערהייט, מען איז מרבה ממזרים צווישן אידן, מען פילט אן ארץ ישראל מיט נבילות, טריפות, אייזלען פליש, פערדן פלייש און קעמלען פלייש, מען איז מחלל שבת, מען מאכט חיטוטי שכבי אן קיין שום בושה, זאכן וואס יעדע נארמאלע פאלק ציטערט צו טון, ווי גראבן ארום דעם הר הבית, קברי תנאים ואמוראים, און אור אלטע אידישע קברים, און דאס אלעס טוט מען באהאלטן, און פארשטעלט וכו'.

זיי זענען מפקיר אידישע טעכטער, מען מאכט פון זיי זונות ממש, אויף דעם איז געבויעט דער קאנצעפט

# אריגינעלע בריוו פון מוהרא"ש


RABBI E. S. SCHIK
851 - 47th STREET
BROOKLYN, N.Y. 11220
Tel. 436 - 5062

אליעזר שלמה שיק
ר"מ "היכל הקודש"
"חסידי ברסלב"
ע"ש הצה"ק אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע
בארץ ובחו"ל


RABBI E. S. SCHIK
851 - 47th STREET
BROOKLYN, N.Y. 11220
Tel. 436 - 5062

אליעזר שלמה שיק
ר"מ "היכל הקודש"
"חסידי ברסלב"
ע"ש הצה"ק אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע
בארץ ובחו"ל

פון שירות לאומי (נאציאנאלע דינסט) אין צה"ל, און נישט בחנם האבן חז"ל געזאגט אז דאס איז ביהרג ואל יעבור, און מען טאר נישט גיין אין מיליטער, ווייל דארט איז הפקר וועלט.

אזוי אויך איז רציחה און שפיכת דמים ביי זיי א וויץ, עס גייט זיי בכלל נישט אן די לעבנס פון אידישע קינדער, זיי קעירן נישט פאר די צובראכענע עלטערן. דאס איז נאר א טפה מן הים וואס מיר ליידן זיך צוזאם פון די עירוב רב, וואס האבן גורם געווען א שרעקליכע צומישעניש אפילו צווישן ערליכע אידן שומרי תורה ומצוות (כמוהם ירבו בישראל), ווייל אין די גרויסע צומישעניש מיינט יעדער אז מען קען נאך עפעס ראטעווען, בפרט אויב מען וועט זיצן אינאיינעם מיט זיי אין די כנסת המינים; אבער די פאקט איז אז נישט נאר וואס דאס האט נישט געהאלפן, נאר עס האט נאך אסאך קאליע געמאכט אויף דורי דורות; ווייל אויב וואלט מען נישט אריין וואלטן זיי זיך מער גערעכעט מיט די ערליכע אידן, אויך וואלטן זיי זיך געשעמט פון די וועלט, ווייל דאס וואס די וועלט איז נאך אביסל מכבד אידישע קינדער איז עס נאר צוליב זייער דרך ארץ פאר די תורה, ווייל זיי מוזן מודה זיין אז ארץ ישראל געהערט פאר'ן עם הנבחר, ווי עס איז באקאנט אין די וועלט. אבער יעצט טוען זיי אלעס מיט א בלעכענע פנים און ווייזן פאר די וועלט אז אויך די ערליכע אידן זענען מסכים מיט זיי, והא ראי' אז זיי זיצן מיט זיי אין די כנסת המינים, און זיי שרייבן אלעס אונטער, און נעמען אחריות אויף אלעס אינאיינעם.

דערפאר וואיל איז דער וואס איז זוכה זיך צו עפענען די אויגן און אנטלויפט פון זיי. מיר האבן נישט קיין אנדערע עצה נאר צו אנטלויפן צום אויבערשטן און אים בעטן ברחמים טאג און נאכט אויף אידישע נשמות אז מיר זאלן שוין זוכה זיין אויסגעלייזט צו ווערן דורך משיח צדקינו וואס וועט אנטפלעקן דעם אויבערשטן מיט א געוואלדיגע אפענקייט אז יעדער פון גרויס ביז קליין וועט קענען ווייזן מיט די פינגער און וועט זאגן "הנה אלוקינו, זה ה' קיוונו לו, זה ה' יושיעינו", און מען וועט רעדן מיטן אויבערשטן אזוי ווי מער שמועסט מיט א חבר, וואס דאס איז דער עיקר וואס משיח וועט אויסלערנען.

מוהרא"ש שרייבט ווייטער: מיין טייערקייט, גלייב מיר, איך וואלט געדארפט מאריך זיין דערין און שרייבן נאך טויזנטער בלעטער, ווייל דאס איז נוגע די עיקרים פון די הייליגע אמונה, און ביז יעצט האב איך נאך קיינמאל געשריבן מיין מיינונג אין די ענינים צוליב עטליכע סיבות, און אז דער אויבערשטער וועט מיר העלפן, וועלן איך נאך אסאך רעדן דערפון, און ווייזן

# פון אונזער ארכיון

און אויפדעקן אז יעצט גייט אריבער אויף אידישע קינדער א גלות פון די ערוב רב, וואס דאס איז די ביטערסטע גלות, און פונקט אין ארץ ישראל, און אויך די אידישע קינדער אין די גאנצע וועלט ליידן נאר צוליב זיי וואס זיי רייצן זיך וכו'.

יעצט האסטו נישט קיין אנדערע ברירה - ווייל דו ביסט פארכאפט מיט'ן כח פון די רעגירונג, מען האט דיר געשיקט אויף די פראנט ליניענס אין פייער - נאר רעדן צום אויבערשטן, און אויך זאלסטו רעדן צו אנדערע אידן ווערטער פון אמונה און יראת שמים, און עס לוינט זיך נישט צו טענה'ן מיט קיינעם, אפילו מיט ערליכע אידן איבער די ענינים, און זיכער נישט מיט קיין פרייע, ווייל ביידע האלטן אז דאס איז א אתחלתא דגאולה רח"ל, און כאילו זיי טוען אונז עפעס א טובה מיטן אויפבויען ארץ ישראל, און זיי ווייסן נישט און זיי כאפן נישט אז בין כך ובין כך באצאלן מיר א טייערע פרייז, סיי בגשמיות אז עס ווערן געה'רג'עט און פארוואונדעט צענדליגע טויזנטע אידישע קינדער, און סיי ברוחניות אז זיי לייקענען אין די אמונה רחמנא ליצלן. דער עיקר זע צו רעדן ווערטער פון פשוטע אמונה און זארג זיך נישט, דער אויבערשטער וועט דיר זיכער ארויסנעמען פון דארט, און דו וועסט זוכה זיין אהיים צו גיין צו דיין ווייב און קינדער, און דו וועסט אינגאנצן פטור ווערן פון זיי, ווייל אלעס קען מען פועל'ן דורך תפלה.

איך מוז מקצר זיין כאטש עס איז א פלאץ ווי מען וואלט געדארפט מאריך זיין און מסביר זיין אלעס בפרטי פרטיות.

דא שרייבט מוהרא"ש אונטער זיין נאמען.

דערנאך שרייבט מוהרא"ש ווייטער: ביטע ביטע, גיי נישט צו די בחירות, סיי פון די כנסת המינים, און סיי פון די עיריה (מוניציפאליטעט)! מיר האבן גארנישט מיט זיי. איך האלט אפילו פון גיין פראטעסטירן קעגן זיי. מיר תלמידים פון הייליגן רבין דארף דאס נישט טון, ווייל דאס איז סכנת נפשות ממש, ווייל זיי זענען חשוד אויף שפיכת דמים ממש, זיי שוינען נישט אויף קיין אינגע אדער אלטע, אויף פרויען און שוואכע, ווי מיר זעען; דערפאר דארפן מיר נאר בעטן דעם אויבערשטן ער זאל אונז אויסלייזן פון דעם ביטערן גלות. מוהרא"ש שטרייכט אונטער די קומענדיג שורות: עס איז זיכער אז די וואס גייען פראטעסטירן קעגן זיי טוען א גרויסע מצוה, און זיכער די וואס פראטעסטירן פאר די וועלט מאכן א גרויסע קידוש השם, ווייל די עירוב רב האבן זייער זייער מורא דערפון, דערפאר וואויל איז דער וואס גייט פראטעסטירן, ווייל דאס איז די איינציגסטע געווער וואס די ערליכע אידן האבן.

אבער מיר תלמידים פון הייליגן רבי'ן דארפן טון דאס אונזעריגע, אויפשטיין חצות און וויינען און קלאגן אויפן גרויסן חורבן, און אסאך רעדן צום אויבערשטן ער זאל שוין זען אונזערע ביטערע פראבלעמען, און דאס טוען נישט אפילו די פרומסטע, דערפאר זאלן זיי טון דאס זייעריגע און יוצא זיין דערמיט וואס דאס איז א גרויסע מצוה, און מיר וועלן יוצא זיין מיט אונזערס וואס קיינער טוט נישט, וואס דאס איז דאס גרעסטע זאך, אויפשטיין זאגן תיקון חצות און וויינען אויפן חורבן בית המקדש און אויף צרות ישראל.

איך האף צום אויבערשטן נאכאמאל צו רעדן פון די זאכן מער באריכות.

אט איז די טעקסט פון די אריגינעלע בריוו:

**בעזה"י - יום ו' עש"ק לסדר חקת כ"ט סיון תשד"ם**

**שלום רב להיקר והנעלה נר להצדיק נחל נובע מקור חכמה ני"ע ... נרו יאיר ויזרח לנצח.**

**את מכתבך לנכון קבלתי ומאד מאד, אני מצטער בצערך הקשה שאתה צריך לעמוד על החנית הראשונה בתוך האש ממש רחמנא ליצלן ועליך לחלל שבת בעוה"ר.**

**מה אומר לך, קודם ביאת משיח צדקינו יהיה ארץ ישראל נתונה בידי הערב רב ואשר הם יעיקו את עמינו בני ישראל מאד מאד יותר מכל הגליות, ואף שיבנו את הארץ וירחיבו אותה וכו', אבל ברוחניות ובגשמיות יהיה מר מאד מאד, כי יעקרו את האמונה הקדושה לגמרי מאחינו בני ישראל, ויעקרו את כל התורה כולה, ומי שישאר אז קיים ביהדות אשרי לו ואשרי חלקו, והתנאים והאמוראים פחדו מאד מאד מהזמן הזה ואמרו "ייתי ולא אחמיניה ויהיה יקרות ועניות גדול וכו'" ושאר מיני צרות ויסורים, שיהרגו אלפים ורבבות נפשות כשרות וכו', והזנות והניאוף מאד מאד יתפשט, ועולה על הכל הכפירות והאפיקורסות, זה יעשה שממה ממש ויכפרו לגמרי, אשר זה יהיה מלחמת גוג ומגוג כי יהיה ערבוביא בישא אשר על זה נאמר אזל"א גר"ש שכינתא אומרת לקודשא בריך הוא "גרש האמה הזאת ואת בנה", אלין ערב רב דגרושני מהסתפח בנחלת ה' (תיקו"ז תיקון כ"א) ואמרו בזוה"ק (פ' פנחס דף רל"ג) יתיר מעכבין בגלותא ערב רב לישראל מאומין דעלמה (יותר מעכבין בגלות הערב רב לישראל מאמות העולם) ע"ש, ודבר זה נתקיים במלוא מובן המלה בדורתינו אלו, אשר קמו תרבות אנשים חטאים ערב רב ממש פסולת הנוהמא של העכו"ם שנתלקטו בערי מזרח אירופא, וקראו לעצמם שם "ציונים", ואמרו "נקומה ונעלה ציון ונלחם שם באלקי ישראל", וגרמו אבדון והרג גדול מיליונים**

## אריגינעל בריוו פון מוהרא"ש


RABBI E. S. SCHIK
851 - 47th STREET
BROOKLYN, N.Y. 11220
Tel. 436-5062

אליעזר שלמה שיק


RABBI E. S. SCHIK
851 - 47th STREET
BROOKLYN, N.Y. 11220
Tel. 436-5062

אליעזר שלמה שיק

מאחינו בני ישראל (כאשר כהיום יש כבר הוכחות ברורות שיש להם יד בהשואה כולה, ולא רק שיש להם חלק, אלא גם עשו כל מיני פעולות לעכב את ההצלה) ובארץ ישראל עושים כל העולה על רוחם וכו', ואף כל זה רק למען אחיזת העינים שרוצים לשתלט על כל חלקה טובה מעמינו ישראל התמימים. ובעוה"ר מעשה שטן הצליח, כי שנטא נצח, ועל ידי כן העבירו על הדת ועל האמונה אלפי אלפים ורוב רבבות רבבות מאחינו בני ישראל הספרדים התמימים שהחזיקו מעמד כבר אלפיים שנות הגלות, ודייקא בארץ ישראל עבר עליהם שואה רוחניות, ועכשיו גם גשמיות, כי הם ממלאים את בתי הסוהר וכו', וכן שולחים אותם ראשונה אל החנית על מנת להרג וכו', (תאמין לי כי יש הרבה לדבר בזה, אך כואב לי מאד הלב בשעת הכתיבה, כי נתעוררים בי דמעות וכאבים על שבר בת עמינו).

מי שמסתכל בעין האמת ועומד מהצד, היינו שאינו שייך לשום מפלגה לשום צד רק מדבק עצמו בו יתברך, הוא רואה את האמת איך שהכל שקר גמור ואחיזת העינים, ובאו זרים וטמאו וחיללו את הארץ, ועל כן מה שייך לשבת אתם עמם יחד? אשרי מי שבורח ומשתמט מהצבא שהתירו עבודה זרה שפיכת דמים וגילוי עריות בפרהסיא, ועל כן מה יש לאחד מעמינו בני ישראל להתערב עמהם, ומכל שכן ללכת לבחור בכנסת המינים, מה לנו ועמהם? אנו נתונים ביניהם עכשיו בגלות מר מאד מאד, אשר כמוהו לא היתה מאז היתה ישראל לגוי, שיעקרו בריש גלי את שם ה' וירבו פסולים וממזרים בישראל, וימלאו את כל הארץ בנבילות וטריפות בשר חמורים וסוסים וגמלים וכו' וחילול שבת וניתוחי מתים וחטוטי שכבי בלי שום בושה כלל, מה שהאומות העולם פחדו לעשות דבר כזה לחפור סביבות ההר הבית וקברי תנאים ואמוראים וקברי ישראל עתיקים וכו', וכל זאת עושים בחסות וכסות ענינים וכו'.

הפקירו את בנות ישראל ועשו אותם זונות ממש, כי על זה נבנה השירות לאומי להנשים בצה"ל, ואשר לא בחינם גזרו ואמרו החכמים ואמר שיהרג ויעבור ולא תלך בת ישראל לצבא, כי שם נעשית מופקרת ממש.

וכן ענין רציחה ושפיכת דמים, אצלם שחוק וקלות ראש ממש, כי לא איפכת להם נפשות ישראל כלל, "יקומו וישחקו הנערים לפנינו" וכו', אינם מתחשבים ומתייחסים כלל עם רגשי ההורים האומללים. וכל זה רק כטיפה מן הים מה שאנו סובלים מהערב רב שגרמו ערבוביא בישא גם בין אחינו בני ישראל שומרי תורה ומצוות (כמוהם ירבו בישראל), כי מרוב התמורות כל אחד חושב שעדיין יכולים להציל, ובפרטיות כשישבו עמם אתם יחד בכנסת המינים, והמציאות שלא די שלא עזרו אלא גם קלקלו הרבה לדורי דורות, כי אם לא היו נכנסים אז היו יותר מתחשבים עם

הדתיים, ומה גם שהיו מתביישים מאומות עולם אשר האומות העולם מה שמכבדים את ישראל קצת זה רק מפני דרך ארץ התורה, שההכרח להם להודות שהקב"ה נתן את ארץ הנבחרה לעם הנבחר וכו' כידוע דבר זה בעולם, אבל עכשיו הם עושים מעשיהם בצורה חפויה ומכסים הכל בכסות כאילו גם הדתיים מסכימים עמהם, ועליו הראיה שיושבים אתם עמם יחד בכנסת המינים וחותמים יחד על הכל ונוטלים האחריות על כל פרט ופרט כידוע דבר זה.

ועל כן אשרי מי שזוכה לפתוח את עיניו ויברח מהם ומהמונם. לנו אין שום עצה אחרת רק לברוח אליו יתברך בתפלה ובקשה ולבקש יומם ולילה למען כלל נשמות ישראל, שנזכה כבר להגאל על ידי משיח צדקינו שיגלה את מלכותו יתברך בגלוי נפלא אשר ידעו אותו יתברך מקטנם ועד גדלם, וכל אחד יראה באצבעו ויאמר "הנה אלוקינו זה ה' קיוונו לו זה ה' יושיעינו" וידברו עמו יתברך כאשר ידבר איש עם רעהו, אשר זה עיקר בנין המלכות דקדושה גילוי משיח צדקינו.

חמדת לבבי תאמין לי שהיה ראוי לי להאריך בדברים אלו באלפים עמודים כי הוא נוגע בעיקרי האמונה הקדושה, ועד אף פעם לא כתבתי דעתי מענינים אלו מפני כמה טעמים, ואם יהי' ה' עמדי ארחיב את הדיבור בזה מאד להראות ולגלות כי עכשיו עובר על כלל נשמות גלות הערב רב אשר הוא הגלות הכי מרה, ודווקא בארצינו הקדושה, ואחינו בני ישראל במקומות הגלות סובלים רק בשביל הערב רב שמרדו וכו'.

לעת עתה אין לך ברירה כי נתפסת בכח השלטון ושלחו אותך לחנית הראשונה מקום האש, רק לדבר עמו יתברך שם, וכן לדבר עם אחינו בני ישראל רק דיבורי אמונה ויראת שמים, ולא כדאי להכנס בויכוחים אפילו עם דתיים מענינים אלו, ומכל שכן עם חילונים, כי שניהם אוחזים שהוא התחלתא דגאולה רח"ל, וכאילו עושים לנו טובה בבנין הארץ, ולא יודעים ולא שמים על לב כי בין כך משלמים מחיר יקר, הן בגשמיות שנהרגים ונפצעים אלפים ורבבות מנערי ישראל, והן ברוחניות שכופרים בעיקר רחמנא ליצלן.

העיקר ראה רק לדבר דיבורי אמונה פשוטה ואל תדאג כלל, השי"ת בוודאי יוציא אותך משם ותזכה לחזור אל ביתך אשתך וילדיך ותקבל פטור לגמרי, כי הכל יכולים לפעול על ידי תפלה.

ההכרח לקצר אף שהוא מקום שצריך להאריך ולהסביר בפרטי פרטיות את כל הענין.

הדו"ש – אליעזר שלמה

נא ונא לא ללכת לבחירות הן של הכנסת המינים והן של העיריה, לנו אין עסק עמהם כלל. ולדעתי אפילו לילך להפגין נגדם, אנו תלמידי רביז"ל לא צריכים כי זה סכנת נפשות ממש כי הם חשודים על שפיכות דמים ממש ואין חסים לא על נערים ועל זקנים ולא על נשים וחלושי כח כאשר ראינו, ועל כן עלינו רק לבקש את השי"ת תמיד שיגאלנו מהגלות המר הזה, "בוודאי כל אלו אשר יוצאים למחות נגדם עושים מצוה גדולה ומכל שכן אלו שמוחים לפני אומות העולם עושים קידוש ה' גדול כי הערב רב מפחדים ומתביישים מהם מאד מאד, ועל כן אשרי מי שילך ויפגין, כי זה הנשק היחידי שיש ליהודים מאמינים בני מאמינים".

אבל אנו תלמידי רביז"ל צריכים לעסוק בעסקינו קימת חצות ולבכות ולקונן על החורבן הנורא ולהתבודד הרבה עמו יתברך שיסתכל על צרותינו המרה, ודבר זה לא עושים גם הכי חרדים, ועל כן הם יעשו את שלהם לצאת בה שהוא מצוה רבה, ואנו נצא בעסק שאף אחד לא עוסק שזה עולה על הכל לקום בחצות לילה ולבכות ולהתאונן על חורבן בית המקדש וצרות ישראל.

אקווה להשי"ת עוד לחזור ולדבר מדברים אלו יותר באריכות.

















# א רחמנות אויף די מילך



ישראל דוד העסקעל

**איננו** דומה השונה מאה פעמים לשונה מאה פעמים ואחד - חז"ל לערנען אונז אז ס'איז גארנישט די זעלבע ווען מען לערנט א זאך הונדערט מאל ווי ווען מען לערנט עס הונדערט און איין מאל.

אנשי שלומינו קענען גוט דעם חז"ל וואס דער ראש ישיבה לייגט מיט דעם אריין אין אונז א חשק צום לערנען מיט'ן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן. כסדר איז דא נאך סיומים פון אנשי שלומינו, דער ענדיגט הונדערט און איין מאל משניות, א צווייטער ענדיגט הונדערט און איין מאל תהילים, איינער א מסכת, יעדער מיט זיין זאך.

די קרית ברסלב בלעטל האלט שוין ביים צווייטן מאל מסיים זיין הונדערט און איינס! יא ס'איז שוין די צווייטע הונדערט און צווייטע בלעטל וואס ערשיינט כן ירבו. די בלעטל האט די זכי' צו זיין איינע פון די שטערקסטע הפצה גליונות וואס ערשיינען און ברענגט אידן נענטער צום אייבערשטן.

ס'איז געווען די צווייטע טאג שבועות,



נאך א פיינע געשמאקע יום טוב'דיגע דאווענען איז געווען א גרויסע קידוש צוגעשטעלט פון אלעם גוטן, דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט סיפורי מעשיות און דערנאך זענען פארגעקומען די סיומים - א מעמד קידוש השם! קינדער און זיידעס שטייען אין די רייע און מאכן סיומים אויף משניות, ש"ס, מסכתות, תהלים, אויך דעם רבינ'ס ספרים. דער מעמד גייט נישט ארויסגיין פון מיין קאפ.

נאכן קידוש מאך איך א נאך ברכה און איך גיי נעמען מיין טלית גרייט צו גיין עסן די סעודה, אויפן וועג ארויס פון שול באגעגן איך מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו און ער הייבט מיר באדאנקען " שרייבסט אזעלכע שיינע באשרייבונגען יעדע וואך".

אזוי האבן מיר אנגעהויבן רעדן פונעם בלעטל ווי א גרויסע דורכברוך דאס איז פאר היימישע שטובער וואס ווילן האבן



געשמאקע ליין מאטריאל לכבוד שבת אבער ס'זאל זיין אויסגעהאלטן און ערליך.

דער ראש ישיבה האלט זיך אין איין בארומען מיטן בלעטל וואס פאר א גוטע זאך דאס איז, אזוי תוכן'דיג, דער ראש ישיבה האט שוין עטליכע מאל אפעלירט צו אנשי שלומינו וואס נעמען נישט אריין קיין שום צייטונג אין שטוב אז די בלעטל דאס איז לכתחילה ארייצובערענגען אין שטוב, דאס איז א מאגאזין וואס איז פול מיט אמונה און התחזקות.

אויך האט דער ראש ישיבה שוין געשריבן עטליכע בריוו פארן רעדאקטאר מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו איבער דאס גרויסקייט פונעם בלעטל אז דאס איז גאר א שטארקע הפצה, און מענטשן זענען זיך ממש מחי' מיט דעם.

ר' יואל פרעגט מיר: "איך ווייס נישט ווי אזוי דו באוויזט עס צו קענען שרייבן די אלע ארטיקלען", איך ענטפער אים אז איך באוויז גארנישט און איך קען גארנישט, נאר יעדע וואך בעט איך דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען טון פאר הפצה, און ס'זאל מיר איינפאלן גוטע געשמאקע ארטיקלען מיט גוטע לימודים אויף לעובדא ולמעשה.

ר' יואל זאגט מיר אז ער האט א חבר וואס איז א שרייבער פאר איינע פון די אידישע וועכנטליכע אויסגאבעס און ער האט אים געפרעגט אמאל ווי אזוי מאכסטו עס? ווי אזוי קומסטו אויף מיט פרישע ארטיקלען יעדע וואך?

יענער נעמט ארויס די אויסגאבע פון יענע וואך און זאגט פאר ר' יואל איך פארשטיי נישט די שאלה בכלל, ס'קומט א געדאנק און מ'שרייבט עס אראפ!

ר' יואל פארציילט: איך האב גענומען דעם אויסגאבע און איך הייב עס אן צו ליינען, א גאנצע דראמאטישע געשיכטע אויסגעצויגן אויף אכט זייטן!

די מעשה פונעם פלעשל מילך!

וואס איז די מעשה? די מעשה גייט אזוי...
דער קוה האט זיך געמיטלעך געפאשעט אויפן פעלד אין א שיינע זוניגע טאג און די גוף פון די קוה האט גענומען די גראז און עס געמאכט פאר מילך.

איין טאג קומט צו גיין א פארמער מיט א גרויסן שטרויענעם היטל, ער האלט אין האנט א אייזערנע פעסל און ער הייבט אן מעלקן דעם קוה.

דערנאך ווערט די מילך געברענגט צום פעקטארי און ז' ווערט דארט אויפגעקאכט כדי ארויסצוטרייבן פון איר אלע דשערמס...

די מילך שפירט זיך אזוי טראמאטייזט פון די גאנצע דורכגאנג ענדליך קילט זיך די טאפ אפ און די מילך שפירט שוין אז זי איז אנגעקומען צו איר אייביגע רוה...

אבער נאך פאר די מילך קען זיך כאפן די אטעם טראגט מען איר דורך קליינע קלאסטראפאבישע רערן וועלכע טראגן איר צום באטל.

דערנאך טראכט די מילך צו זיך אומזיכער איך האף אז דאס איז עס, מ'גייט מיך שוין נישט ארומשלעפן צו נאך פלעצער, איך זיין דא אינעם קליינעם באטל אינעם גרויסן קאמערציאלע פרידזשידער און דא וועל איך שוין לכאורה פארבלייבן.

אבער ניין, איין טאג קומט אריין אן ארבייטער, אן פרעגן כאפט ער דעם גאנצן פאלעטל און לאדנט איר ארויף אויף זיין






טרעקל.

פאר די מילך איז דאס געווען זייער א שווערע דורכגאנג יעצט צו ווערן אויפגעשאקלט עטליכע שעה אויפן גרויסן לאסט טרעקל אבער ענדליך שפירט די מילך ווי מ'נעמט איר שוין אראפ. עטליכע ארבעטער קומען און נעמען פלאש נאך פלאש און פלאצירן זיי אינעם רעפרידשערעיטער אינעם גראסערי.

אה דא וועל איך שוין זיכער האבן מנוחה - זאגט די מילך - דא וועל איך שוין בלייבן און קענען זיין רואיג פון דא וועט מען מיך שוין נישט שטערן....

ביז ס'קומט איינער און מיט רשעות עפענט די פרידזשידער כאפט דעם באטל און לייגט איר גראד אריין אין זיין שאפינג וועגעלע!

ר' יואל פרעגט מיר איך דארף ווייטער רעדן אדער דו כאפסט שוין די געדאנק? אזוי איז עס שרייבער שרייבן שטותים און הבלים און פאר דעם צאלן מענטשן שווערע געלטער יעדע וואך זיך אנצופילן דעם קאפ מיט נארישקייטן!

דער ראש ישיבה זאגט אז מ'זאל נישט נישט אריין נעמען קיין שום צייטונגען אין שטוב אפילו די וואס זענען נישט איין שטיק מינות וכפירה אדער פול מיט פאליטיק זענען פול מיט סתם שטותים והבלים.

יעצט ווען עס איז ארויסגעקומען די צוויי הונדערט'סטע בלעטל האט מיך ר' יואל נאכאמאל געזאגט ווי שטארק ער און די משפחה זענען זיך מחי' מיטן בלעטל יעדע וואך, צולייגענדיג אז פאר עטליכע יאר צוריק איז געווען איינע פון אנשי שלומינו וואס פלעגט שרייבן דא דארט א קאלום אין איינע פון די אידישע אויסגאבעס, ער האט בשום אופן נישט געוואלט אריינעמען קיין שום צייטונג ביי זיך אין שטוב וויסנדיג אז דאס איז אין בעסטן פאל איין שטיק שטותים, וואס וועט סתם פארשטאפן דאס קאפ, אבער אזוי ווי ער האט זיך דערוויסט אז איינע פון אנשי שלומינו שרייבט דארט א קאלום פלעגט ער יעדע וואך גיין קויפן יענע אויסגאבע און ארויסרייסן נאר יענע ארטיקל כדי ער זאל קענען האבן עפעס ליין מאטריאל לכבוד שבת.

יעצט איז געווען די יארצייט פון רבי נתן זי"ע וואס רבי נתן האט געזאגט איידער ער איז נסתלק געווארן - "עזרא הסופר גייט אוועק פון די וועלט און טריף פסול איז זיך מתגבר, אזויפיל ווי ס'איז היינט דא אלפים ורבבות טריף פסול; נאר איך האף, אז איין בלעטל פון רבינ'ס ספרים וועט זיין א תיקון אויף אלסדינג" און רבי נתן האט אויסגעפירט: "איך זאג אייך אן, אז אייער עובדא זאל זיין איר זאלט דרוקן די ספרים, סע זאל זיין 'יפוצו מעינותיך חוצה', איר זאלט זיין שטארק מיט 'געלט' מיט 'רצון' און מיט 'טירחא'.



דאס איז די קרית ברסלב בלעטל, ס'איז דאס איינע בלעטל וואס איז פול מיטן רבינ'ס התחזקות מיט די זיסע עצות און לימודים וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז, און דאס שיינט וועכנטליך אריין אן עונג שבת און א ליכטיגקייט אין אזוי פיל היימישע שטובער.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן טאקע האבן די כח ווייטער צו קענען טון דאס וואס רבי נתן האט פון אונז פארלאנגט נעמען דעם רבינ'ס בלעטל און עס אריינברענגען אין די גאנצע וועלט!

דער ראש ישיבה זאגט כסדר אז יעדער איינער קען זיין א מפיץ, יעדער טוט זיין זאך איינער גייט ארום מיט קונטרסים, איינער דרוקט, איינער שרייבט, איינער געבט געלט, און אזוי ווייטער.

פאר די ברסל'בע שטוב

מ. פאפנהיים

הפצה

# ביי מיר אין שטוב

די חנוכה לעכט האט זיך אויסגעברענט איינס נאכן צווייטן, איבערלאזנדיג זייער איינדרוק איינגעקריצט אין אונזערע הערצער, עס ווארט יעצט אפ א לאנגער ווינטער, ביז פורים איז נאך דא אסססאך צייט.

עס קומט מיר אריין אין קאפ א גוטן ארטיקל צו שרייבן, עס נעמען זיך דרייען פראזן און אויסדרוקן אין קאפ, איך וואלט יעצט נאר געוואלט זיך אוועק זעצן און איינזינקען אין האלב געשריבענע ווערטער, אבער אין א לעבעדיגע נאכמיטאג שעה איז עס א ברכה לבטלה... נאך א שעה צוויי אין הויז וועט ווערן שטיל וועל איך מיטן אויבערשטנ'ס הילף קענען מחזק זיין דעם עולם... די קינדערלעך



פילן אז איך האב עפעס פלענער אויף די נאכט... און זיי שטעלן זיך גוט צו... אבער צום סוף ווערט שטיל, יעצט גיי איך קענען אביסעלע שרייבן...




יעצט איז דאך א צייט פון אסאך שמחות, דער עולם פראוועט חתונות, בר מצווה'ס, און אט איז שוין חודש שבט דער סגולה'דיגער חודש פון שוין ברעכן טעלער... דא דארף מען אבער גיין צווישן די טראפנ'ס, די איינגעבאקענע תלמידים קענען דאך בכלל נישט פארשטיין ווי אזוי מען פארברענט געלט אויף אפאר שעה, אבער די פרישע מקורבים דארפן עס אויך קענען פארדייען.

דער טעלעפאן צוקלינגט זיך, פארשטייט זיך... ווער וואגט זיך מיר צו שטערן? אה, די שוויגער... איך הייב אויף מיט א גוטמוטיגן "העלא?!" נארמאל רעדט זי נישט צופיל, און איך גיי נאך נאכדעם האבן צייט אויף פאר מיינע זאכן, זי הערט זיך אבער יעצט אין א גוסטע פון פארברעגען... "וואס מאכסטו, מלכי'?"

"געלויבט דעם הייליגן באשעפער!" דער שמועס פארפארט צו די חכמה'לעך פון די קינדער, די נייעס'לעך פון משפחה, די קיכעלעך וואס איך האב פראבירט צו באקן פונקט ווי באבי'ס, אבער די קינדער זאגן נאך אלץ אז באבי'ס איז בעסער... ערגעץ דרך אגב'דיג ווארפט זי אריין: "דו ווייסט מלכי'? מיין ברודער מאכט בר מצווה די וואך זיין יונג'סטער זון, איך וואלט זיך זייער געפרייט דיר צו זען"... עס געדויערט מיר א סקונדע צו כאפן פון וועלכן ברודער זי רעדט, מיר האבן דאך אכט פעטער'ס בלע"ה, אאהההה.... זי מיינט זיכער יענער עושר...

ווי עס צו באשטעטיגן, איז זי ממשיך "עס דארף צו זיין זייער א שיינע שמחה, די גאנצע משפחה קומט עס מיטהאלטן, עס וועט זיין א גוטע געלעגנהייט זיך צו טרעפן אביסל, זיך אביסל אויסשמועסן"...

"זיכער אזוי! — בין איך מסכים — וועלכע טאג פונקטליך איז עס? מאנטאג נאכט? זייער גוט, מען וועט עס לאזן פריי"...

זי לייגט אראפ צופרידן, און איך וויל נאר לאכן... ווען זי זאל וויסן וואס איך האב יעצט געוואלט שרייבן...

א שיינע שמחה??? די גאנצע משפחה קומט צופארן??? א ביטערע רחמנות אויף די מענטשן וואס דארפן זיך אזוי אויפרייסן... יעצט פיל איך אז איך מוז שוין ארויסשרייבן וואס ליגט מיר אויפן הארץ, זאלן כאטש די פאר אידעלעך וואס ליינען די בלעטל זיך מחזק זיין אינאיינעם און פראוועגען ווייטער הערליכע פשוט'ע שמחות...

דערווייל איז געווארן שפעט, איך וועל שוין מוזן ווארטן אויף מארגן ווען די קינדער וועלן זיין אין די מוסדות דעמאלט וועל איך האבן צייט..

שוין אינמיטן נאכט האב איך געזען אז דער באשעפער האט אנדערע פלענער פאר מיר... א פארדעכטיגטער גערויש האט מיר אריינגערופן אין אינגל צימער.

שלומי איז געלעגן אין בעט בלאס ווי די וואנט, איין טאפ אויפן שטערן, און איך דארף נישט זיין קיין דאקטער צו זען אז דער קינד פלאקערט פון היץ... נאך איידער ווי וואס ווען האט ער אנגעהויבן ברעכן... און ברעכן... און ברעכן.

דער פרימארגן האט מיר געטראפן וואשן און ווישן, געבן טיילענאל, איבערטון, טוישן בעט געוואנט, אפווישן, און נאכאמאל פון אנהייב... מיט עקסטערע ניסים און מעשיות פון תפילה האבן די אנדערע קינדער געכאפט די באסעס און איך בין אריין צו שלומי, ער האט מיר אביסל באזארגט, איך האב אריינגערופן צום דאקטער'ס אפיס, אבער דער דאקטער האט געענטפערט אז עס דרייט זיך יעצט א ווירוס, איינס,

צווי טעג א קינד ברעכט מיינט נאך נישט גארנישט. שכח אייבערשטער, זאל מען אפקומען מיט דעם, און העלף אונז טאטע זיסער, שלומי' זאל וואס שנעלער פילן גוט, און זיין געזונט און שטארק!

נאך אזא לאנגע נאכט איז שלומי'

**יעצט פיל איך אז איך מוז שוין ארויסשרייבן וואס ליגט מיר אויפן הארץ, זאלן כאטש די פאר אידעלעך וואס ליינען די בלעטל זיך מחזק זיין אינאיינעם און פראוועווען ווייטער הערליכע פשוט'ע שמחות...**

איינגעשלאפן, איך האב אים גאנץ שנעל נאכגעטון... ערגעץ וואו, שוועבנדיג פון איין חלום צום צווייטן האב איך זיך געזען טאנצן אויף חתונות... אפגעבן מזל טוב'ס ביי תנאים'ס... און זיך מיטפרייען ביי בר מצווה'ס... טייערע שמחות... פשוט'ע שמחות... באלעבאטישע שמחות... אלעס האט זיך אויסגעמישט אין איין טשולענט... וואס??? מען טיילט טשולענט ביי פרויען??? אזוי משוגע איז שוין דער עולם??? נאך פאר די טעלער טשולענט איז אנגעקומען צו מיר האב איך זיך אויפגעוועקט... נישטא קיין בלומען... מוזיק... טשולענט... וואס גייט דא פאר??? עס אזי שוין באלד מיטאג...

שלומי' איז אין שטוב??? ביסט נישט אין חדר??? אה אה אהה!!! שלומי' וואס מאכסטו? זעסט שוין אויס בעסער! ער שאקלט צו מיטן קאפ. "מאמי! איך בין זייער הונגעריג, וואס קען איך עסן?" שכח אייבערשטער די פיבער איז אראפ זיין אפעטיט קומט צוריק, העלף טאטע זיסער ער זאל שנעל קומען צו זיך!

ער עסט אביסל, עס איבלט אים נאך, זיין אפעטיט איז נאך אלס נישט צו גוט, אבער ער האט שוין א שטיקל קאליר אויפן פנים.

"מאמי! איך קען אביסל זיך שפילן?" "יא צדיק, אויב דו האסט כח, וועט עס זיין פאר דיר זייער גוט."

ער גייט צו זיינע קליקי'ס און איך גיי צו מיינע טעפלעך, עפעס ארויפשטעלן אויפן פלאם. איך לויף פון איין זאך צום צווייטן, ענדליך באקומט די הויז א שטיקל צורה, און אט הערט זיך שוין די קינדערלעך'ס טריט אויף די טרעפ.

הייליגע באשעפער! איך האב אזוי שטארק געוואלט שרייבן, מאכן אביסל הפצה אריינבלאזן א חיות אין אידישע מאמעלעך... אבער איך האב שוין פארשפעטיגט די וואך, די בלעטל שליסט זיך מארגן און איך גיי שוין נישט אניאגן צו אריינשיקן עפעס... איך האב אזוי שטארק געוואלט... אבער... ווער זאגט אז איך קען מאכן הפצה נאר פאר דרויסנ'דיגע מענטשן פון גאס??? איך גיי מאכן הפצה ביי מיר אין שטוב!!!

העלף מיר הייליגע באשעפער, איך זאל האבן געדולד צו מיינע קינדער, איך זאל אויסהערן זייערע מעשה'לעך און בובו'ס, און אריינבלאזן א חיות אין זיי, העלף מיר איך זאל קענען אויפנעמען מיין מאן מיט א שמייכל און א ליכטיגע פנים, העלף מיר טאטע זיסער אז איך זאל זיין פריילך, ווייל ווען איך בין פריילך איז די גאנצע שטוב פריילך!!!



# מוטשע דעם אייבער

ש. ח. שטעסל

זיי לויפן אריין מיט א שטורעם ווי אויסגעהונגערטע בערן,
זייער פארשמירטע פנים טוט שוין באשטעטיגט ווערן.

אז א לעבעדיגע טאג האבן זיי הייינט אריבער,
וואס דאס טוט זיי הויבן די פיבער.

א לחיים גלעזל אנגעפילט מיט א זיסע געטראנק,
איז פאר ערשטע הילף א גוטע געדאנק.

די קאלטע אייסעס בארוהיגט און באזעצט זיי,
און ווער עס איז וואויל קען האבן צוויי.

צוביסלאך צושפרייטן זיי זיך און נעמען אויספאקן די טוי'ס,
א מחי'ה עס טוט זיך דא, אזוי קוקט א אידישע שטוב אויס.

איך נעם מיין תהילים, און אויפן קאוטש איך זעץ זיך אראפ,
ווארט נאךווארט, פסוק נאך פסוק זאג איך אפ.

ווען איך האלט טיף אינמיטן די צווייטע קאפיטל,
פארן אייבערשטער איך געב ארויס א זיפצל.

אייבערשטער איך וויל א נייע שיינע רינגל,
אבער נישט א פלעינע נאר מיט קאלירן אביסל.

ווען איך קום אן צו די קומענדיגע פסוק געב איך זיך א כאפ,
אויף אזעלכע זאכן קומט מיר אך ממש א פאטש אדער קלאפ.

אויף דעם בין איך מטריח דעם רבונו של עולם אליין,
ער זאל מיר שיקן א רינגל וואס זאל זיין שיין.

בעסער זאל איך בעטן פאר גוטע ערליכע דורות,
זאל שוין זיין די גאנצע גאולה און אוועקגיין די צרות.

און איך אן קיין פינטעלע אדער טראפ בושה,
בעט איך אזעלכע שטותים, דאס איז ממש א חוצפה'דיגע דרישה.

פון אלע מחשבות געב איך זיך א דערוועק,
אוואו זענען די קינדער? ערגעץ זענען זיי אוועק.

איך גיי פון איין שטוב צום צווייטן,
איך זוך זיי ארום ממש אין אלע זייטן.

די שטילקייט איז עפעס גאר מאדנע און אינטערעסאנט,
עס קוקט ממש אויס ווי זיי זענען געווארן איינגעשלונגען אין וואנט.

פלוצלונג הער איך פון קאך שטילע שושקערייען,
איך קום אריין, און... עס קומט מיר ממש צו שרייען.

די גאנצע פמליא של מטה זיצט אויסגעזעצט אזוי שיין,
נישט מער און נישט ווייניגער ווי אויפן קאונטער אליין.

יעדער האלט אין די האנט א האלצערנע שטעקעלע,
און אויף דעם ליגט צוויי פרישע מאשמעלוי ארויס פון פעקעלע.

מיין זעקס יעריגער מיט א אנגעצונדענע מעטש אין האנט,
ווערט דארשראקן בלאס ווי די וואנט.

ער פראבירט מיר ערקלערן וואס גייט פאר מיט זיין קינדערישן חן,
ווען עס געלונגט נישט פלאצט ער אויס אין א געוויין.

מאמי, איך האב דיר נישט געוואלט מטריח זיין,
דערפאר האב איך נישט געבעטן הילף, נאר עס געטון אליין.

צדיק מיינס בעטן פאר א מאמע הייסט נישט שטערן,
מאמי האט ליב ווען דו בעטסט און איך טו דיר עס געבן גערן.



# שטן

דער אייבערשטער ווארט דיר צו געבן וואס דו בעטסט,
וואס דו דארפסט נאר, מוטשען אים דו קענסט.

ער האט דיר ליב און וויל דיר געבן,
אלעס וואס דו בעטסט און טוסט שטרעבן,

דארפסט נאר עפענען דיין מויל,
רעדן א פאר ווערטער צו אים אפילו אן קיין קול,

שעם דיך נישט אים צו בעטן אפילו זאכן וואס זעהט אויס נאריש לכאורה,
דער אייבישטער קען אלעס געבן ער איז דאך דער בורא,

בעט זיך אויס בשעת'ן ארבעטן אינדערהיים,
הייליגער באשעפער געב מיר ערליכע קינדער און א ווארעמע היים,

פרייליכקייט און רוהיגקייט זאל דא הערשן אלעמאל,
שמחות זאל זיך מערן אן א צאל,

מיינע קינדער זאלן זיך פארטראגן,
אן זיך קריגן שלאגן און באקלאגן,

אלע מיינע דורות זאלן אין באשעפער גלויבן,
א נייע קלייד פאר שבת זאל איך זיך קענען ערלויבן.



# מעשיות פון תפילה

ר. רובינשטיין
קרית יואל

איך וויל זיך באדאנקען פאר די וועכנטליכע בלעטל וואס קומט ארויס, איך בין זיך ממש מחי' און מחזק, מען קלעבט זיך פריש צו צו די הייליגע עצות פונעם רבי'ן, יעדע זאך פונעם בלעטל ברענגט צוריק צום אייבערשטן, באמת א שכח.

איך וויל איבערלאזן א מעשה פון תפילה, שכח פארן עס מפרסם זיין, איך הער צוריק פון מענטשן אז עס איז זייער מחזק.

איך האב זיך לעצטנ'ס גענומען צו דאנקען דעם אייבערשטן און בעטן אויף ווייטער אז מיינע מיידלעך - וואס גייען אין זייער א גרויסע מוסד - זאלן זיין ריין פון לייז.

אויך האב איך געבעטן אז אלע מיידלעך זאלן נישט האבן קיין לייז.

שכח אייבערשטער אז מיין טאכטער איז אהיים געקומען זאגן אז די פרוי וואס טשעקט די האר פון לייז האט געזאגט אז איר קלאס איז די איינציגסטע קלאס וואס איז אינגאנצן אינגאנצן ריין, קיין איין מיידל האט נישט קיין שום זכר פון קיין לייז.

עס איז קלאר אז דאס איז צוליב מיין תפילות וואס איז בעט פאר מיינע טעכטער און פאר אלע קינדער פון איבעראל זאלן האבן ריינע קעפ. א גרויסן שכח

[illegible] בית
פיצא - קרית
ברסלב

קודם ווילן מיר זיך באדאנקען פאר די שיינע געשמאקע בלעטל. אלעס איז אזוי שיין און תוכנ'דיג מיר האבן זייער שטארק ליב צו ליינען די ארטיקלעך "מיט א טיפערן בליק" עס איז זייער שיין.

שכח אייבערשטער פאר אונזער באקוועמע שאטל וואס טראגט און ברענגט אונז יעדן טאג. איין פרייטאג יעדער זיצט שוין גרייט צו אהיים גיין צו ענדיגן די לעצטע זאכן פאר שבת, אבער די שאטל פארט נישט. אלע צוזאמען פון גרויס ביז קליין ווייסן פון איין זאך "בעטן דעם אייבערשטן", מען טראכט נישט צוויי מאל און מען בעט און בעט.

מען האט געגעבן א קוק וואס איז געשען, עס פעלט לופט אינעם רעדל, ווי לאנג מען האט געארבעט אויפן רעדל איז יעדער געזיצן און געשאקלט די ליפן מיט תפילה צו אנקומען אהיים גרינג און אויך האב איך צוגעזאגט צו מפרסם זיין די שיינע מעשה אינעם בלעטל. שכח אייבערשטער אז די שאטל איז שנעל געווארן פארראכטן, און יעדער איז אהיים פריי און אנגעקומען צייטליך אינדערהיים.





845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com

עצת אמונה
ביז מיין טיר?

# יא,
# מיטן
# אייבערשטנס
# הילף!




סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכענטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
718-387-2691
אימעיל צו:
subscribe@kerenhadfusa.org

קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

## ברסלב'ס חידות

**דער הייליגער רבי האט געזאגט: אמת, איר זענט ערליכע אידן, אבער נישט דאס האב איך געמיינט, איך האב געוואלט ענק זאלן זיין ווי**

א. ערליכע אידן אזוי ווי "איך" מיין!
ב. פינקען פייער!
ג. חיות וואס זינגען אין וואלד גאנצע נעכט!
ד. אידן וואס מאכן שווערע אלפים!

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: ווער עס וועט קומען צו מיר פאר די זיבן יאר,

**וועט גיין צו די חתונה מיט א ריינע העמד!**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**ארי קאהן נ"י - זשערזי סיטי**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף די ווערטער

**דאס זאלסטו שטענדיג געדענקען: "דו ביסט נישט אליינס! דער אייבערשטער איז מיט דיר, ביי דיר און נעבן דיר"; רעד צו אים און בעט אים אלעס וואס דו דארפסט.**

(עצות אמונה פרשתו ואתחנן תשע"ח)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ס | ד | ל | ע | פ | ז | ג | נ | ו | ט | א | ב | ב | ב | ט |
| ד | ו | ו | ר | י | ד | ר | י | ד | ח | א | י | א | ז | ז |
| ו | ו | ו | א | ס | ט | ר | ש | ט | ע | נ | ה | ח | א | נ |
| ר | ד | ת | ת | ז | ג | פ | ט | ח | ז | ר | צ | צ | ו | כ |
| ע | ל | ש | ז | ק | ל | ג | ק | כ | ט | ב | ב | א | א | ע |
| ת | נ | א | י | י | ב | ע | ר | ש | ט | ע | ר | ז | מ | ח |
| ע | ק | ו | ק | ג | פ | ר | ז | מ | ל | ק | ג | א | א | א |
| נ | ר | ע | ב | נ | א | מ | ע | ב | ו | כ | ב | ל | י | ס |
| ב | א | י | ר | ע | ד | ז | ש | ש | ד | א | ב | ס | ח | ג |
| מ | ל | ד | ד | ב | צ | ק | ט | צ | ר | ת | מ | ט | צ | ל |
| פ | י | א | ו | נ | ר | ט | ע | ל | ת | י | ר | ו | ד | ט |
| ו | י | א | פ | ש | ס | ט | נ | פ | ט | ב | ר | ס | ע | ס |
| נ | נ | ב | א | ז | ע | ח | ד | ס | ג | ק | ס | א | ע | א |
| ש | ס | ק | י | ב | נ | ד | י | ר | ו | נ | ט | ל | ס | ו |
| ד | ר | מ | מ | ט | ת | ב | ג | ס | מ | ס | א | מ | ס | ר |
| ח | ע | ב | ט | ה | ת | ר | ו | ד | פ | ת | מ | ב | י | י |
| ג | ע | ד | ע | נ | ק | ע | נ | ר | ח | מ | ג | מ | ז | צ |
| ה | ר | צ | ס | כ | נ | ג | א | ב | כ | ה | ב | ט | ד | ת |
| ד | פ | צ | א | ע | ש | ד | ש | ת | ז | נ | ת | ה | א | ח |
| צ | ע | ו | כ | ש | ת | ב | ע | ג | ד | א | ת | מ | ס | א |

## טרעף
די וועג

טרעף די וועג ביז צו שפילן זיך מיט די שניי!!





## שטיקעלע
ספר המדות

# אַהֲבָה

**ד. כְּשֶׁתָּשׁוּב בִּתְחִלָּה עַל עֲווֹנוֹתֶיךָ, תּוּכַל לָבוֹא לְאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.**

וֶוען דוּ וֶועסְט קוֹדֶם תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דַיינֶע עֲבֵירוֹת, וֶועסְטוּ קֶענֶען צוּקוּמֶען לִיבּ צוּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

## שיחות פון רבי'ן
פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד??





### ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט:
"געלט לאכט צו א מענטש אין די אינגע יארן, און צום סוף הרג'עט דעם מענטש!"

# קינדער טאלאנט



נורסערי - קרית ברסלב



יואל און יצחק יעקב מארקוס -
וויליאמסבורג



משפחת פריעדמאן - מאנסי



משפחת היימליך -
קרית ברסלב



חני און שלמה אפפעל -
קרית ברסלב



דוד שמעון כהן נ"י -
קרית יואל



משפחת מזרחי - קרית ברסלב



יעקב יודא ראטה נ"י -
וויליאמסבורג

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

רבקה אפפעלדארפער תחי׳ - קרית ברסלב




חי׳ וועבערמאן תחי׳ - קרית ברסלב



# בילדער
## אפטיילונג









בית המדרש פעולות הצדיק גרייט לכבוד שבת
מיט נייע עמוד קאווער




וואכנאכט פון צבי הערש בן מוה"ר בנימין ווײלדי הי"ו
ב' ויגש תשפ"ד




א נייע שיפמענט פון עס די קארדס אנגעקומען ביים
הפצה ווינקל אין בני ברק







ברית להילד צבי הערש בן מוה"ר בנימין ווײלדי הי"ו
אין ישיבה - ג' ויגש תשפ"ד







**מסיבת בן גמלא אין שטעטל אין שטוב פון**
**מו"ה יואל מענדלאוויטש הי"ו - ג' ויגש**







**מען פאררעכט דעם עירוב אין קרית ברסלב**







**וואכנאכט פון בן מוה"ר ישראל יוסף שניצלער הי"ו**
**ד' ויגש תשפ"ד**




**סעודת ברית לבן מו"ה ישראל יוסף שניצלער הי"ו**
**אין שטעטל - ה' ויגש תשפ"ד**



**ברית לבן מו"ה ישראל יוסף שניצלער הי"ו**
**אין שטעטל - ה' ויגש תשפ"ד**




**סעודת יארצייט פון מוהרנ"ת אין היכל הקודש טבריה**
**ה' ויגש תשפ"ד**



**סעודת יארצייט פון מוהרנ"ת אין היכל הקודש לונדון**
**ה' ויגש תשפ"ד**



**סעודת יארצייט פון מוהרנ"ת אין היכל הקודש ירושלים**
**ה' ויגש תשפ"ד**



**סיום 40 מאל משניות פון הבה"ח שמואל פולק נ"י**



**סעודת יארצייט פון מוהרנ"ת אין היכל הקודש בני ברק**
**ה' ויגש תשפ"ד**




**סעודת יארצייט פון מוהרנ"ת אין היכל הקודש בארא פארק ה' ויגש תשפ"ד**




**סעודת יארצייט פון מוהרנ"ת אין היכל הקודש צפת**
**ה' ויגש תשפ"ד**










סעודת יארצייט פון מוהרנ"ת אין היכל הקודש מאנסי
ה' ויגש תשפ"ד




דער ראש ישיבה שליט"א מיט'ן דיין שליט"א




מגבית פאר קרן הדפסה ביי די סעודת יארצייט
אין מאנסי




סיום סדר זרעים פון תלמוד ירושלמי דורכן גבאי
ר' מנחם יעקובסון




סעודת יארצייט פון מוהרנ"ת אין היכל הקודש
בראכפעלד ה' ויגש תשפ"ד

צוליב די גרויסע נאכפראגע
טוען מיר פארשטעלן אונזער נייע

# שבת גליונות
# מעגא פעקעדזש

וואס וועט צושטעלן א ריכטיגע עונג שבת פאר די גאנצע משפחה,
קינדער און ערוואקסענע, מענער און פרויען צוגלייך
מיט לייען מאטריאל אנגעפולט מיט אמונה, מידות טובות, עצות און חיזוק




גאראנטירט בעז״ה
אנצוקומען אויף שבת קודש
געשיקט דורך UPS

דער פעקעדזש רעכענט אריין:

**עצתו אמונה**
**קרית ברסלב בלעטל**
**גליון היכל הקודש**
**גליון שיעורי חינוך**

מען קען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען
נאר די בית נצחי אדער עצתו אמונה

רופט שוין זיך איינצושרייבן:
718-387-2691 *3
אימעיל צו:
subscribe@kerenhadfusa.org